# צום פינטל

גליון כז
פרשת בהר-בחקותי תשפ"ג
משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### אחוזת אבותיו

#### • דעם אייבידשטן'ס לאנד

פרשת בהר איז מיוחד פאר שמיטה ויובל, אויך די ברכות וקללות פון פרשת בחקותי, איז א המשך צו שמיטה ויובל, אלע קללות איז א עונש אויף שמיטה ויובל, ווי די פסוק זאגט 'אז תרצה הארץ וכו' 'ותרץ את שבתתיה וגו', אויך סוף פרשת בחקותי איז א המשך צו יובל, ס'איז דא דארטן כמה הלכות פון הקדשות ביובל.

ביי די הלכות פון יובל ווערט זייער אסאך דערמאנט די מושג 'אחוזה', 'אחוזת אבותיו' 'שדה אחוזה' וכדומה, דארף מען פארשטיין וואס דאס איז. אויך ווערט אסאך דערמאנט אין די פרשיות אז דער אייבישטער זאגט אז די יידען זענען מיינע 'עבדים', וואס מ'טרעפט דאס נישט ביי אנדערע מצוות, דארף מען פארשטיין וואס איז מיוחד שמיטה ויובל אז אונז זעמיר זיינע 'עבדים'.

אין די ראשונים, אויך ביי די לומדים, איז דא א שטיקל פולמוס, צו די אייבישטער האט אוועק געגעבן ארץ ישראל פאר די יידען, אדער ער האט עס געהאלטן פאר זיך, און פאר די יידען האט ער פשוט געגעבן רשות צו קומען וואוינען ביי אים כביכול. אין אונזער פרשה איז די משמעות אז ער האט עס געהאלטן פאר זיך, ווי די פסוק זאגט (ויקרא כה כג) "וְהָאָרֶץ לֹא תִמָּכֵר לִצְמִתֻת, כִּי לִי הָאָרֶץ, כִּי גֵרִים וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי", די לאנד איז מיינס, און איך נעם שמיטה ויובל און די מצוות התליות בארץ פאר מיר, און ענק יידישע קינדער זענען 'גרים ותושבים עמדי', ענק וואוינען סאך הכל ביי מיר.

אין חזקוני (בראשית פרק א א) שטייט אז ער האט עס נישט אוועקגעגעבן אינגאנצן, ער האט עס נאר געבארגט פאר אונז, אדער געגעבן על תנאי, אנדערע זענען עס מגדיר אז ער האט עס געגעבן נאר אויף 'קנין פירות'. אבער אנדערע האלטן אז ער האט עס יא געגעבן אינגאנצן, ווי מ'זעהט אין אסאך פסוקי תורה, ביי אברהם אבינו שטייט (בראשית יז ח) 'לאחוזת עולם', אויך ביי יעקב (בראשית מח ד) שטייט 'לאחוזת עולם', נאר וואס דען, אויב מ'פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין, נעמט ער עס פאר א 'משכון', ער איז תופס ארץ ישראל, אויף איינצומאנען וואס אונז זעמיר אים שולדיג אין תורה ומצוות (ועי' קובץ מאמרים מהגר"י אברמסקי ועוד).

די כללות'דיגע שנידט פון די פרשיות בהר בחקותי, לויפט אביסל מער אז די לאנד איז יא געבליבן זיינס, נאר ער לאזט כלל ישראל ארבעטן אין זיינע פעלדער פאר זעקס יאר, און אין שמיטה ויובל לאזט ער נישט. און אזוי קען מען אויך אפלערנען אלע 'מצוות התליות בארץ', אז דער אייבישטער נעמט פשוט וואס ס'באלאנגט פאר אים כביכול, און אויב מ'געט אים נישט וואס ס'באלאנגט פאר אים, מתנת עניים, תרומות, מעשרות, ביכורים, דאן נעמט ער צוריק די לאנד פאר זיך. און במיוחד איז דאס ביי שמיטה ויובל, וואס און אויף דעם באציט זיך פרשת בחקותי די 'ברכות וקללות', אז טאמער חס ושלום מ'היט נישט שמיטה ויובל, דאן נעמט ער זיך צוריק זיינס און פארשיקט אונז פון דארט.

**אין די ראשונים, אויך ביי די לומדים, איז דא א שטיקל פולמוס, צו די אייבישטער האט אוועק געגעבן ארץ ישראל פאר די יידען, אדער ער האט עס געהאלטן פאר זיך, און פאר די יידען האט ער פשוט געגעבן רשות צו קומען וואוינען ביי אים כביכול. אין אונזער פרשה איז די משמעות אז ער האט עס געהאלטן פאר זיך, ווי די פסוק זאגט (ויקרא כה כג) "וְהָאָרֶץ לֹא תִמָּכֵר לִצְמִתֻת, כִּי לִי הָאָרֶץ, כִּי גֵרִים וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי"**

#### • מיינע קנעכט

שטייט די וואך דריי מאל אין די פרשה אז דער אייבישטער זאגט אז די יידען זענען מיינע עבדים, אין פרק כה פסוק מ"ב 'כי עבדי הם', אויך אין פסוק נ"ה 'כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם'. אזוי אויך אין פרשת בחקותי זאגט די פסוק (ויקרא כו יג) 'אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, מהיות להם עבדים'. און לכאורה וואס איז די מצוה פון 'יובל' מיוחד אז אונז זעמיר זיינע עבדים, אונז זעמיר דאך זיינע 'עבדים' מיט אלע מצוות.

שטייט אין מדרש (במדבר פרק כג) אז די אייבישטער זאגט די לאנד איז דאך מיינס, 'כי לי הארץ', און די יידען זענען דאך מיינס, 'כי לי בני ישראל עבדים', איז די בעסטע זאך, צו געבן מיין לאנד פאר מיינע קנעכט.

איז אויב מ'לערנט אז דער אייבישטער האט קיינמאל נישט אוועקגעגעבן ארץ ישראל פאר די יידען, קען מען לערנען א 'בעל הבת'ישע פשט, אז דאס וואס אונז זעמיר זיינע עבדים, דאס איז פשוט צו בארבעטן זיינע פעלדער, דער אייבישטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים 'מהיות להם עבדים', אונז זאלן נישט זיין פארשקלאפט פאר פרעה, 'עבדים לעבדים', נאר אונז זאלן האבן די זכיה צו זיין זיינע עבדים, די עברים פונעם אייבירשטען, צו בארבעטן זיינע פעלדער אין ארץ ישראל.

ס'איז ידוע אז די עיקר 'עבודה' אלעמאל איז אין 'פעלד ארבעט', איז ממילא לאזט זיך הערן אזא בעל הבת'ישע פשט, אז אויף דעם ארויף באציט זיך דאס אז אונז זעמיר זיינע עבדים, אונז זעמיר זיינע עבדים צו בארבעטן זיינע פעלדער, צו בארבעטן דעם אייבידשטן'ס לאנד.

די מצוה פון 'יובל' איז דא ביי צוויי זאכן, ביי פעלדער און ביי עבדים. אוחן לויט ווי געשמיסט איז דאס נישט צוויי עקסטערע

המשך בעמוד הבא

זאכן, ווייל די מהות פון א 'עבד' איז ווי א חלק פונעם פעלד, דער 'עבד' איז געווען כאילו ווי די 'פארניטשער' פונעם פעלד, די עיקר מושג 'עבודות' איז אין די פעלדער.

איז וועגן דעם, דוקא די צוויי זאכן איז דא ביי דעם יובל, די צוויי זאכן האט דער אייבישטער איבערגעלאזט פאר זיך, די פעלדער און די עבדים, כדי אז אלע חלקים פון די פעלד ארבעט זאלן צוריק קומען צום פלאץ, אלעס זאל צוריק קומען צו בארבעטן זייערע אייגענע פעלדער אין ישראל, וואס דאס מיינט בעומק אז אלעס זאל צוריק קומען צו בארבעטן דעם אייבירשטן'ס פעלדער, דאס הייסט סיי די פעלדער זאלן צוריק קומען צו זייער פלאץ, און סיי די עבדים זאלן צוריק קומען צו זייער פלאץ, אלע זאלן זיין שוה בשוה און בארבעטן דעם אייבירשטן'ס פעלדער.

### מהיות להם עבדים

די פסוק זאגט 'עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים', ביי די עבודות אין מצרים האבן זיי געארבעט עבד'ישע ארבעט, 'בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה', און אנשטאט דעם האט זיי דער אייבישטער געגעבן א חשובע עבודה. ער האט זיי גענומען פון עבודות צו עבודות, פון א שפלות'דיגע עבודות האט ער זיי גענומען צו זיין זיינע עבדים אין ארץ ישראל.

און דאס זאגט די פסוק זאגט אין פרשת בחקותי (ויקרא כו יג) 'אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים מהית להם עבדים, ואשבר מטת עלכם, ואולך אתכם קוממיות'. אז אנשטאט זיי זאלן זיין עבדים שפלים אין מצרים, אונטערטעניגט אונטער די 'מוטות עלכם' פון פרעה, 'עבדים לעבדים', אנשטאט דעם האט זיי דער אייבישטער גענומען צו זיין חשובע עבדים, זיי זאלן זיינע עבדים, זיי זאלן בארבעטן די שדות פון די הייליגע לאנד ארץ ישראל מיט א עבודות אבער מיט א קומה זקופה, קוממיות.

די חז"ל זאגען (גיטין מז) 'אין קנין לגוי בארץ ישראל להפקיע', א גוי האט נישט קיין 'קנין' אין ארץ ישראל, ווייל ארץ ישראל באלאנגט פארן אייבירשטן, ווי די פסוק זאגט (ויקרא כה כג) 'כי לי הארץ', ארץ ישראל איז מיינס און איך געב עס נאר פאר די יידען, נישט פאר קיין גוים. אבער ווי פריער געשמועס, איז אויך פאר די יידען האט ער עס נישט געגעבן אונגאנצען, ער האט עס נאר געגעבן בתנאי זיי וועלן מקיים זיין דארט תורה און מצוות, טאמער נישט נעמט ער צוריק צו.

דאס הייסט אז א יוד האט זיכער נישט קיין 'קנין להפקיע', ארויסצונעמען פון די מצוות, נאר א גוי וואלט איך געקענט מיינען אז ער האט א קנין להפקיע, קא משמע לן אז 'אין קנין לגוי להפקיע'. און דאס איז די עומק הפשט פון די פסוק 'כי לי הארץ, כי גרים ותושבים אתם עמדי', סיי די גרים און סיי די תושבים, אלע וואוינען ביי מיר, אלא וואוינען ביי מיר ווי קנעכט וואס וואוינען ביים האר, ער האט נישט קיין שום אייגענקייט, נישט קיין אייגענע דירה, עסן, קליידער, טאמער פאלגט ער נישט, באקומט ער נישט צו עסן וכו'.

אזוי אויך זאגט דער אייבישטער פאר די יידען, די לאנד איז מיינער, ענק וואוינען ביי מיר אינדערהיים, זאלט עטץ אכטונג געבן צו היטן תורה ומצוות, בפרט 'מצות התלויות בארץ', 'שמיטה ויובל', ווייל טאמער פאלגט מען נישט, וועל איך זיך אויפירן צו ענק ווי א האר מיט זיין קנעכט, וואס דאס איז די גאנצע הארבע 'תוכחה' אין פרשת בחקותי, וואס דאס איז אלץ א המשך צו די מצוות פון שמיטה ויובל אין פרשת בהר, און די תורה ווארענט אהן אז טאמער וועלן ענק חס ושלום נישט באקומען צו עסן.

### 'אחוזה ביי שדות

אין די פרשה שטייט זייער אסאך די מושג פון 'אחוזה' (13 מאל שטייט די ווארט 'אחוזה' אין בהר בחקותי), אז יובל גייען די פעלדער ארויס פון דער וואס האט עס געקויפט, און זיי גייען צוריק צו דעם וועם ס'איז זיין 'אחוזה', צו וועם ס'באלאנגט מכח ירושה, צו וועם ס'באלאנגט מכח 'אחוזת אבותיו'. די פעלדער קומען צוריק צום שורש צו וועם זיי באלאנגען באמת.

דער רבינו בחיי (ויקרא כה י) איז מסביר פארוואס שטייט נישט 'נחלה' וכדומה, וואס איז די לשון 'אחוזה', זאגט ער אז 'נחלה' וואלט געמיינט א 'נחלה' וואס ער האט באקומען פון א צווייטן, אבער 'אחוזה' מיינט די 'בעלים הראשונים העיקריים', און ער איז מארך אין די נקודה, אז 'יובל' מיינט אז אלץ קומט צוריק צום שורש, צום אייבירשטן וואס ער איז דער 'סיבה הראשונה'. דאס הייסט אז דורכער דעם וואס ס'קומט צוריק צו די בעלים הראשונים העיקריים, איז אויטמאטיש ניכר אז באמת זענען זיי דעם אייבירשטן'ס.

מ'קען עס מסביר זיין, אז דורכער דעם וואס די 'אחוזות' קומען צוריק צו די בעלים העיקריים, וואס זיי האבן עס פון זייערע אבות, קומט אויס אז די דערהערסט דא די כח האבות, די כח פון די אבות הראשונים באי הארץ, וואס זיי האבן דאך באקומען די פעלדער על פי גורל פונעם אייבירשטען אליינס, און דורכער דעם וואס ס'גייט צוריק צו וועם די אחוזה באלאנגט, דערהערסטו אז ס'גייט צוריק צום אייבירשטן.

ס'געהערט טאקע צו די קינדער, אבער דאס וואס זיי האבן עס מיט די שטארקייט פון א 'אחוזה', דאס איז דאך נאר מכח די אבות זייערע, קומט אויס אז ווען די גייסט צוריק צו די בעלים הראשונים העיקריים פאר וועם די אחוזה באלאנגט, דערהערסטו בעומק גאר הויעך ארויף ביז צו די אבות באי הארץ (עי' רבינו בחיי שם שמביא הפסוק 'גבוה על גבוה שומר, והבן').

און בעומק איז עס נאך טיפער, אז ס'איז באמת כאילו די אבות אליינס זענען מחזיק אין דעם, און דאס וואס די קינדער זענען תופס אין דעם, איז פארדעכנט כאילו ד טאטע'ס אליינס זענען אין דעם תופס, די קינדער זענען נאר כאילו מחזיקים פאר די טאטע'ס.

און דאס איז בהקדם וואס די לומדים (קובץ שיעורים – ר' שמעון שקאפ) זענען מסביר די יסודות פון 'ירושה' בכלל, אז 'ירושה' גייט נישט בדרך 'קונה ומקנה', פון רשות צו רשות, פון 'רשות אב' צו 'רשות בן', נאר די קינדער קומען אריין אינעם טאטע'נ'ס רשות, און דארטן נעמען זיי איבער, זיי קומען אויף זיין פלאץ. 'ירושה' איז פון די לשון 'פארטרייבן', דער קינדער קומען כאילו אריין אינעם טאטע'נ'ס רשות, זיי פארטרייבן כאילו דעם טאטען, און זעצט זיך כאילו אויף זיין פלאץ.

און דאס איז די עומק פון מצוות 'שמיטה ויובל', אז די פעלדער און די עבדים, אלץ זאל צוריק קומען צום שורש ביז צו די אבות באי הארץ, וואס מיט דעם איז ניכר דער אמת'ער בעל הבית, דער אייבירשטער אליינס, וואס ער איז דער אמת'ער בעל הבית אויף די פעלדער פון ארץ ישראל, און אונז זענמיר זיינע עבדים צו בארבעטן זיינע פעלדער, און דאס איז ניכר במיוחד ביי אחוזת אבותיו, וואס מ'דערהערט ארויס, די אבות באי הארץ.

פריער האב מיר גערעדט וועגן די 'פולמוס' צו דער אייבישטער האט אוועקגעגבן ארץ ישראל פאר די יידען, אדער ער האט עס איבערגעלאזט פאר זיך. לויט ווי געשמוסט אז 'אחוזה' מיינט אז עס בלייבט ביים שורש, קען מען זאגען אז ער האט עס יא אוועקגעגעבן, אבער נאר בתור 'אחוזה', דאס הייסט נאר אויף א אופן אז עס

המשך בעמוד האחרון

## קוממיות בקומה זקופה

די חז"ל זאגען 'המהלך בקומה זקופה כאילו דוחק רגלי שכינה', די ספרים הקדושים (תולדות יעקב יוסף בחקותי, תולדות יצחק מהנעשכיזער בחקותי, חתם סופר, שפת אמת, ועוד הרבה) פרעגען, ס'שטייט דאך אין פסוק אין פרשת בחקתי (ויקרא כו יג) 'ואלך אתכם קוממיות', און די חז"ל זאגען בקומה זקופה, זעהט מען אז 'קומה זקופה' איז גאר א גוטע זאך.

די ספרים הקדושים ענטפערן - יעדער אויף זיין אופן - אז 'יש קומה זקופה' ו'יש קומה זקופה', ס'איז דא א קומה זקופה מיט'ן אייבירשטן, דער אייבירשטער רוט צווישען די יידען, די 'קומה זקופה' קומט פון אים, 'ואולך אתכם קוממיות', ער געט אונז די קומה זקופה. און ס'איז דא א 'קומה זקופה' אנטקעגען דעם אויבירשטן ח"ו, ער נעמט זיך אליינס די קומה זקופה, ווי די לשון פון חז"ל 'המהלך בקומה זקופה', ער גייט אליינס מיט די 'קומה זקופה', דער אייבירשטער בעצם וויל פון אים הכנעה, און ער שלאגט זיך כביכול און קומט ארויס מיט א קומה זקופה, דאס איז 'דוחק רגלי שכינה', ווייל ער גייט אנטקעגען דעם אייבירשטן (כעין ווי די פסוק זאגט אז 'דתן ואבירם יצאו נצבים' בקומה זקופה) .

שטייט אין חז"ל אז די שכינה איז העכער די קאפ פונעם יוד, ווי מ'זאגט ביי קריאת שמע שעל המיטה 'ועל ראשי שכינת קל', און ווען א יוד הייבט אונטער זיין האלדז און קאפ אויף א אופן מער ווי געווענטליך, אויף א נישט נאטורילכע וועג, אויף א גאוה'דיגע וועג, איז דאס פאררעכנט ווי ער שלאגט זיך מיט די שכינה וואס איז העכער זיין קאפ, און ס'ווערט פאררעכנט כאילו ער איז דוחק די 'רגלי שכינה' כביכול. אבער אויב עס איז א נאטורליכע 'קומה זקופה', א קומה זקופה מיט'ן אייבירשטן, דאן איז פארקערט, די שכינה העלפט אים צו צו האבן דעם 'קומה זקופה'.

די חז"ל זאגען אויף די פסוק 'קוממיות - כשתי קומות', זיין אייגענע קומה, און די קומת השכינה וואס איז למעלה מראשו. דאס הייסט אז אויב די 'קומה זקופה' איז א גוטע, א 'קומה זקופה' מיט'ן אייבירשטן, דאן איז דא צוויי קומות, ווייל אנשטאט דוחק זיין די שכינה וואס איז העכער זיין קאפ, איז אדרבא, ער איז זיך מצרף מיט די שכינה וואס איז העכער זיין קאפ, ער ווערט כאילו ווי צוויי קומות הויעך, זיין אייגענע קומה, 'פלאס' די 'קומת השכינה' וואס איז העכער זיין קאפ.

און דאס איז די דרגא פון 'מרכבה' וואס שטייט אין ספרים הקדושים ('האבות הן הן מרכבה' וכדומה), אז א מענטש דארף זיך אויסארבעטן צו זיין א 'מרכבה' צו די שכינה וואס איז העכער זיין קאפ. א יוד איז א 'מרכבה', ער איז מסכים מיט גיין מיט אלעס, ער גייט מיט בתמימות, נאטירלעך, אז מפירט אים פון הימעל מער אויף א הכנעה'דיגע אופן, דאן גייט ער מיט מיט די עבודה פון הכנעה, אויב מ'פירט אים פון הימעל מער אויף א אופן אז ס'הייבט זיך, אויף א אופן פון א 'קומה זקופה', דאן גייט ער מיט מיט דעם. דאס איז א דרגא פון 'מרכבה', ער פירט זיך נישט אליינס, ער לאזט זיך זיין נאטירלעך, ער לאזט זיך פירען פון די שכינה וואס איז למעלה מראשו, און דאס איז א דרגא פון 'שתי קומות'.

**ס'איז**
**דא א קומה זקופה מיט'ן**
**אייבירשטן, דער אייבירשטער רוט**
**צווישען די יידען, די 'קומה זקופה' קומט**
**פון אים, 'ואולך אתכם קוממיות', ער געט אונז**
**די קומה זקופה. און ס'איז דא א 'קומה זקופה'**
**אנטקעגען דעם אויבירשטן ח"ו, ער נעמט זיך**
**אליינס די קומה זקופה, ווי די לשון פון חז"ל**
**'המהלך בקומה זקופה', ער גייט אליינס**
**מיט די 'קומה זקופה'**

## ומותר האדם מן הבהמה

די בהמות און חיות האבן א 'קומה כפופה', דער מענטש איז מער ווי זיי אז ער האט א 'קומה זקופה', ווי די חז"ל זאגען (חגיגה טז ע"א) אז דער מענטש איז דומה מיט דעם צו די 'מלאכים' וואס האבן א 'קומה זקופה'. דער הייליגער מהר"ל אסאך פלעציר איז מאריך אין די מורא'דיגע מעלה פון דער מענטש, דער 'ומותר האדם מן הבהמה' וואס דער מענטש האט א 'קומה זקופה'.

איז פון איין זייט איז א 'קומה זקופה' א מורא'דיגע מדריגה, א מדריגה פון מלאכים, און פון די אנדערע זייט איז דא א 'מהלך בקומה זקופה' וואס ער איז א 'דוחק רגלי שכינה'. אויב די 'קומה זקופה' איז אויף א נאטורליכע אופן, איז עס גאר א גרויסע מדריגה, אבער אויב ס'איז אויף א גאוה'דיגע וועג, ס'איז מיט א עקסטערע קוועטש, ער קוועשט ארויף דעם ריקען, די האלדז, די קאפ, וכדומה, אויף אזא אופן איז עס א 'דוחק די רגלי שכינה'. דער איבריגע קוועטש זיך אויפצוהייבן מער ווי ס'איז נאטורליך, די גייסט אנטקעגען די 'דרך הטבע', איז דאס גערעכנט ווי די גייסט אנטקעגען דעם אייבירשטן וואס ער האט דיר באשאפן, כאילו די ווילסט דיך גרעסער האלטן פון אים ח"ו, ביסט א 'דוחק', א קוועטשער, דו קומסט אנטקעגען אים ח"ו.

אז מ'בטראכט די טבע פון די געבוי פונעם מענטש, זעהט מען ווי די קאפ און די ריקען זענען א משהו געבויגען צו אראפצו, און ווען א מענטש קריגט זיך מיט דעם, ער שטיפט זיין ריקען און קאפ אינגאנצן אינגאנצן ארויף, און צומאל שטיפט ער עס נאך אביסל אויף ארינטער, מיט א עקסטערע קוועטש צו די בעג צו, דאס איז 'שלא כטבע' פון די בנין גוף האדם, און דאן איז עס א 'דוחק רגלי שכינה' כביכול. אבער טאמער איז עס א נאטורילכע 'קומה זקופה', ער איז אנגעפילט באמת מיט חיים, ער פילט א נאטוריליכע שטארקייט וואס גראדט אים אויס די ריקען און די קאפ, דאס איז א גוטע קומה זקופה, דאס קען זיין נכלל אין 'ואולך אתכם קוממיות'.

די חז"ל זאגען אויף א בעל גאוה אז 'אין אני והוא יכולים לדור', בדרך משל, צוויי שונאים וואס וואוינען אין איין הויז, וואס מיט יעדער ריר פילט זיך עס א 'דחיקה וחניקה' אין די לופט. כביכול 'מעין זה' זאגט דער אייבירשטער ס'איז נישט שייך פאר מיר צו וואוינען צוזאמען מיט'ן בעל גאוה, 'כל המהלך בקומה זקופה כאילו דוחק רגלי שכינה', ער מיט די שכינה כביכול פארטראגען

המשך בעמוד הבא

בלייבטביים שורש, נאר אויף א אופן וואס ס'בלייבט ביי 'אחוזת אבותיו', ס'בלייבט ניכר אז ס'קומט פון אים, און טאמער פארקויפט מען עס, וועט עס פון זיך אליינס צוריק גיין צו די דרגא פון אחוזה.

דער רמב"ן (ויקרא כה כט) איז מסביר די חילוק פון 'שדה אחוזה' וואס גייט צוריק אין יובל, און 'בתי ערי חומה' וואס גייט נישט צוריק אין יובל, אז א 'שדה' וואס מ'דארף האבן צום לעבן, דאס איז מורא'דיג צוגעבינדן צום מענטש, ס'איז אזוי שטארק צוגעבינדען אז ס'האקט זיך קיינמאל נישט אפ, ס'קומט צוריק אין יובל (כי האדם לשדה נעבד וממנו יצא לחם למחיתו). אבער 'בתי ערי חומה', די הייזער, דאס פעלט נישט אזוי אויס ממש צום לעבן, ממילא ווערט עס אפגעהאקט פונעם מענטש, און עס קומט עס נישט צוריק ביובל. (און 'שדה החצרים' פון די דערפער, דאס ווערט פארעכנט ווי א פעלד, נישט ווי א בית).

א יוד אין ארץ ישראל ווערט כאילו ווי איינס מיט זיינע פעלדער וואס ער האט באקומען ביי חלוקת הארץ, און אפילו ווען ס'גייט אריבער צו זיינע דורות, הייסט עס אלץ כאילו ווי ס'איז ביי אים, און אפילו מ'פארקויפט עס איז עס פאר א 'עראי', קומט עס צוריק אין יובל צו אים. ווייל בקביעות באלאנגט עס נאר פאר דעם יוד וואס האט עס באקומען ביי חלוקת הארץ, על פי הגורל פונעם אייבירשטען אליינס, און ווי שטארק ס'זאל נתרחק ווערן, אלץ וועט עס צוריקומען צום אים, ס'וועט צוריק קומען צום שורש.

### • אחוזת אבותיו ביי א עבד עברי

אויך א 'עבד עברי' דארף צוריק גיין צו 'אחוזת אבותיו', ווי די פסוק זאגט (ויקרא כה מא) "ויצא מעמך הוא ובניו עמו ושב אל משפחתו ואל אחזת אבתיו ישוב". דער 'עבד עברי' קומט צוריק צו זיינע פעלדער, צו אחוזת אבותיו, און אזוי אויך זיינע פעלדער קומען צוריק צו אים, ווייל אפילו מ'האט פארקויפט פון זיינע פעלדער צו באצלען זיינע גניבות, אבער אין יובל קומט דאך אלעס צוריק, קען ער אהיים קומען יובל צוריק צו אחוזת אבותיו.

רש"י זאגט 'אחוזת אבותיו' מיינט 'כבוד אבותיו', ער באקומט צוריק די שררה פון זיין טאטע, אבער פשוט פשט מיינט עס די פעלדער פון זיין טאטן, כמבואר בחומש ר' שמשון רפאל הירש. און אזוי אויך אין רש"י קען מען לערנען אז ער גייט אויך צוריק צו 'כבוד אבותיו', אבער אודאי קומט ער קודם צוריק, פשוט צו זיינע פעלדער פון זיין טאטן.

און דאס איז די שלמות פון 'חירות' אין יובל, אז דער 'עבד עברי' ווערט צוריק א אייגענע 'בעל הבית', נישט נאר ער ווערט באפרייט, נאר ער ווערט צוריק אן אייגענע בעל הבית מיט אייגענע קרקעות, וואס דייקא דורעך דעם קען ער דערהערן ווער ס'איז דער אמת'ע בעל הבית, דורעך דעם וואס ער איז בעל הבית אויף די אחוזת אבותיו וואס ער האט באקומען על פי גורל, דורעך דעם דערהערט ער אז דער אמת'ער בעל הבית איז דער אייבישטער אליינס.



זיך נישט, ער פון אונטן, און די שכינה פון אויבן, פון העכער זיין קאפ, ער האלט און איין קוועטשן די האלדז און די קאפ אויף ארויף, אבער די שכינה וויל זיין הכנעה, די שכינה כביכול קוועטשט אויף אראפ.

ס'איז דא מענטשן וואס זענען געבוירן מיט מער א 'קומה זקופה', דער אייבירשטער האט אים אזוי באשאפן, דאס איז אזא נאטורליכע קומה זקופה, ער איז נישט דא אויף צו שטיפן די קאפ אויף ארויף, פארקערט ער גייט מיט ווי אזוי דער אייבירשטער פירט אים, און אז דער אייבירשטער האט אים באשאפן מיט א קומה זקופה, דאנקט ער אים. אבער אויב ער זעהט אז דער אייבירשטער וויל פון אים הכנעה, דאן איז די 'קומה זקופה' פארעכנט ווי א 'דוחק', ס'איז נישט נאטורליך, ער וויל עס צווינגען בדוחק.

און דאס איז פשט אין פסוק, 'והתהלכתי בתוככם וגו', ואשבור מוטות עלכם, ואולך אתכם קוממיות', טאמער דער אייבישטער איז מיט אונז, ער צוברעכט די יאך פון די גויים, ער פירט אונז מיט א גראדע ריקען אנטקעגען די גויים, ווי די לשון הפסוק 'ואולך אתכם', ער פירט אונז, דעמאלטס איז 'קומה זקופה' א גוטע זאך, אדרבא ס'ברענגט ארויס די כבוד השכינה וואס איז מיט אונז. אבער טאמער גייט מען אליינס ב'קומה זקופה, ווי די לשון פון חז"ל מ'איז א 'מתהלך בקומה זקופה', ער גייט אזוי פארקערט ווי די נאטורליכקייט, דאן איז מען א דוחק רגלי שכינה.

יעצט קומט די יום טוב שבועות, שטייט ביי מתן תורה 'ויתיצבו בתחתית ההר', די ספרים הקדושים זאגען אז 'ויתיצבו' איז מרמז אויף דעם ענין פון 'קומה זקופה' (ווי די חז"ל דרש'נען אסאך מאל די לשון 'נצבים' בקומה זקופה). דארף מען פארשטיין, מ'שטייט ביים בארג סיני, די גאנצע וועלט טרייסלט זיך מיט יראת הרוממות, דער אייבירשטער אליינס קומט אראפ אויפן בארג סיני צו געבן די תורה, און דער יוד שטעלט זיך אוועק מיט א 'קומה זקופה' פארן אייבירשטען כביכול, ווי פארשטייט מען אזא זאך.

נאר פשט איז אז דער יוד פארשטייט אז דאס וויל דער אייבישטער פון אים, יעצט וויל דער אייבישטער ער זאל ארויס ברענגען זיינע כוחות מיט א 'קומה זקופה', מיט זיין כח הבחירה, דער יוד פארשטייט גוט ווען דער אייבישטער איז מיט אים, ווען דער אייבישטער וויל ער זאל ארויסקומען שטארק מיט א 'קומה זקופה' מצד הקדושה, און אזוי איז דער יוד מקבל די תורה.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עימוד: י.ב. +972-52-763-3424